Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Yidn in Poyln

Bałaban, Majer
באלאבאן, מאיר

Ṿilne, 1930

[VI] זכרונות

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275

Visual Library

# זכרונות

# 1. אַדאָלף שטאַנד

## (צום ערשטן יאָרצייט 17 דעצעמבער 1920)

עס איז אַריבער אַ יאָר זינטן מאָמענט, ווען מען האָט באַגלייט אַדאָלף שטאַנדן צום צענטראַל-פרידהאָף אין ווין צו דער אייביקער רו. אים, דעם לעמבערגער תּושב מאבות אבותיו, האָט מען קובר געווען אין דער פרעמד, ווי אַסך אַנדערע היימלאָזע, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר דער אינוואַזיע פון דעם רוסישן מיליטער. צום לעצטן מאָל האָט שטאַנד גערעדט דעם 20טן תּמוז צום יאָרצייט פון הערצל. אַ קראַנקער איז ער אַרויס פון סאַנאַטאָריום, כּדי צו שטיין אויפן קבר פון זיין געליבטן מייסטער, רעדן, אויסוויינען זיך און מיטן דאָזיקן שוואַנען-געזאַנג אָפּצושליסן דאָס בוך פון זיין לעבן.

שטאַנד און הערצל — דאָס זענען צוויי זיילן פון ציוניזם. אמת, אומגלייכע זיילן, אָדער נישט אויף אַ גלייך אַוועקגעשטעלטער פּלאַץ. שטאַנד איז געווען אַ ציוניסט פאַר הערצלען, שטאַנד האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע יידישע וועלט-אָנשויונג, בעת הערצל איז נאָך געווען ווייט פון זיין יודנשטאַט. שטאַנד האָט פּראָפּאַגאַנדירט די יידישע אויפלעבונג נאָך לאַנג פאַרן יאָר 1896. און ווען עס איז ערשינען דער יודנשטאַט, ווען עס האָט זיך ווי פון די וואָלקן באַוויזן דער, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער פירער פון יידישן פאָלק, דער, וואָס האָט געדאַרפט ווייזן אַ וועג פון געטאָ קיין ציון, פון יידישן קאָנגרעס אין באַזעל צום קאָנגרעס פון די פעלקער אין סאַן-רעמאָ, דאַן האָט זיך גענייגט פאַר אים דער פּיאָנער פון דער אויפלעבונגס-אידעע אין גאַליציען, עס האָט זיך פאַרבויגן אַדאָלף שטאַנד פאַר הערצלען, אַראָפּגענייגט מיט ענוות דעם שטאָלצן קאָפּ און געשווירן צו דינען אים טריי זיין גאַנץ לעבן, און אַדאָלף שטאַנד האָט דערפולט די הבטחה: דער נאָמען פון הערצלען און

די אידעע, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט, זענען פון דאַמאָלס אָן געווען אויפגעשריבן אויף דער פאָן פון זיין לעבן, אומעטום האָט ער געררופן זיין נאָמען און דערציילט וועגן אים, ווי וועגן אַ גואל פון פאָלק. אַ פּה מפיק מרגליות איז געווען שטאַנד אַלס רעדנער, און דערין איז געלעגן זיין כּוח. ער האָט געקאָנט מיטרייסן זיינע הערער, ער האָט פשוט באַגייסטערט די מאַסן און אויך אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, ווו ער איז געזעסן אין משך פון איניקע יאָר, האָט ער אַרויסגערופן מיט זיינע רעדעס אַן איינדרוקספולן רושם.

זיין לעצטע רעדע פאַר זיין טויט האָט ער געווידמעט הערצלען. נאָכן 20טן תמוז האָט ער פאַרשלאָסן די ליפּן. אין קאָטעזש־סאַנאַטאָריום אין ווין האָט שטיל און לאַנגזאַם פאַרענדיקט זיין לעבן דער, וועמענס לעבן איז נישט איינמאָל אַדורך קלאַנגפול. זיינע פריינט האָבן אים געבראַכט בלומען, און ער, וואָס איז געווען געוווינט צו בוקעטן, האָט מיט אַ בייסנדער איראָניע געגעבן אָנצוגעהערן וועגן קרענץ אויפן קבר. דעם 21טן דעצעמבער 1919 האָט מען אַדאָלף שטאַנדן געבראַכט צו קבר־ישראל.

* *

*

איך האָב געקאָנט שטאַנדן אַסך יאָרן. איך קאָן נישט זאָגן, אַז ער איז געווען דער פריינט פון מיינע קינדער־פּאַרוויילונגען, ווייל ער איז געווען עלטער פון מיר מיט 7 יאָר. אָבער עס זענען געווען מאָמענטן, זאָגאַר גאַנצע יאָרן, בעת וועלכע די געמיינזאַמע אַרבעט האָט אונז אַזוי פאַרקניפּט, אַז עס איז נישט געווען קיין טאָג, אין וועלכן מיר האָבן זיך נישט געזען.

שטאַנד האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, און אַפילו אַ רייכער. זיין זיידע ר׳ אברהם, נאָך וועלכן מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן, האָט געהאַט אַ געוויסן קאָנטאַקט — אַפילו נישט קיין דירעקטן — מיט דער פּוילישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער הויף־ייד פון אַלעקסאַנדער גראַף פרעדראָ, דעם באַקאַנטן קאָמעדיע־שרייבער. צום שיינעם פּאַלאַץ פון פרעדראָ, וואָס מיר — דער עלטערער דור — געדענקען



.42 צוויי בלעטער פון דעם פנקס פון דער קהילה אין פיאָטרקאָוו.



44. א ייִנגל, וואָס רופט אין באָד אַרײַן (זאַמלונג פּאַווליקאָווסקי).



43. אײן פֿאַרגאָלדעטער קרוג צו שיקן משקה פֿאַר דעם רב (לאַנגע יאָרן אין דער משפּחה מיזעאום אין לעמבערג).




45. א חתונה־בילעט, פֿון ענדע 18 יאָרהונדערט, פֿון לעבן טאַרנאָוו (אָריגינאַל אין לעמבערג — פּריוואַט).

זייער גוט, איז ר׳ אברהם שטאַנד געגאַנגען יעדן טאָג, אום צו דערפילן דעם ווילן פון זיין פריץ. ווער ווייסט וואָס פאַראַ געשטאַלט פון גרויסן מייסטער האָט געהאַט פאַר אַ מאָדעל דעם ייד אברהם שטאַנד.

דער פאָטער פון אַדאָלפן, ר׳ יוסף, איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און הגם ער איז געווען קאַרג, כמעט אַ קמצן, האָט ער נישט געשפּאָרט קיין הוצאות, אום צו געבן אַ גוטע ערציונג זיינע פיר זין.

דאָס הויז פון יוזעף שטאַנד האָט זיך געפונען צווישן דעם שטאָטישן געטאָ און די קריסטלעכע גאַסן. פון איין זייט פון סאָביעסקי אָדער דער נייער גאַס האָט ער געקוקט אויף די פענצטער פון דער גרויסער שול און פון דער אַנדערער — פון דער וואַל-גאַס האָט ער געקוקט אויף די אַלטע אָקאָפּעס און די קלויסטער-מויערן פון די בער-נאַדינער. די ערציונג פון די יונגע שטאַנדס האָט זיך אויך געפונען אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטן. זיי האָבן געדאַוונט מיטן פאָטער אין שטאָטישן בית-מדרש און גלייכצייטיק האָבן זיי באַזוכט די גימנאַזיע. עס האָט געהערט צו דער אַמביציע פון פאָטער צו האָבן 4 זין דאָק-טוירים, נאָר ליידער איז פון דער דאָזיקער אַמביציע גאָרנישט מקוים געוואָרן. אַדאָלף האָט זיך זייער גוט געלערנט — און היות, ווי דער עלטערער ברודער האָט נישט פאַרענדיקט זיין שטודיום און אינמיטן גאָר חתונה געהאַט, האָט דער פאָטער אָנגעשטרענגט אַלע באַמיונגען, אַז לכל-הפחות ער — דער גלענצנדער שילער — זאָל באַקומען דעם אַקאַדעמישן-דיפּלאָם. איך געדענק נאָך ווי היינט, הגם ס׳איז שוין אַ מעשה פון 30 יאָר, ווען אונזער אַדאָלף האָט באַקומען אויפן צווייטן שטאָק אַ באַזונדער צימער, ווו ער האָט זיך געדאַרפט צוגרייטן צום עקזאַמען פאַר רעכט-וויסנשאַפט. פאַר אים עס געווען אַ גרויס אָפּקומעניש. ער האָט פיינט געהאַט די געזעצן, זיין נשמה האָט זיך געריסן צום שטודיום פון ליטעראַטור — האַרדען איז געווען זיין באַליבטסטער שרייבער — און דאָ האָט מען זיך געמוזט פאַרמאַטערן איבער פאַרשידענע פרקים פון רעכט. מיט אים צוזאַמען האָט זיך געלערנט זיין קאָלעגע (ראָזענגאַרטען) און יענער האָט פשוט פאַרבראָכן די הענט, וואָס ביי אַדאָלפן פעלט חשק צו לערנען זיך. און אַדאָלף האָט דאַן רעדאַגירט „פשישלאָשטש״, דעם ערשטן אָרגאַן פון די גאַליציאַנער ציוניסטן.

דער זשורנאַל איז ערשינען — ריכטיקער ער האָט געדאַרפט ערשיינען — צוויי מאָל אין חודש, ד. ה., דעם 5טן און 20טן יעדן חודש. ער האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי פון חיים ראָהאַטין אויף פלאַץ-שניעזשני. דאָס אַרויסגעבן אַ נומער האָט געקאָסט 20 גולדן, און טאַקע צוליב די דאָזיקע 20 גולדן האָט שטאַנד זיך געבראָכן דעם קאָפּ צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער קאַראָל. דאָס איז אָפט געווען אַ סומע, נישט צו דערגרייכן. און דער דרוקער האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם נומער, ווען דאָס געלט איז נישט געווען איינגעצאָלט. און ווי אַזוי איז דער נומער טעכניש ערשינען! אונזער דרוקעריי האָט געזעצט בלויז העברעישע ספרים, פוילישע שריפט איז געווען זייער ווייניק און ווען אין נומער איז געווען — השם ישמרנו — צופיל ą אָדער צופיל ę, אָדער דער זאַץ איז אַביסל צעשיט געוואָרן, איז די בראָך שוין געווען פאַרטיק. אונזער נומער האָט געזעצט איין זעצער — אַ קריסט — אין דער דרוקעריי. ער האָט געהייסן קייזער און געווען אַ גאָר נישקשהדיקער שיכּור. פאַר יעדער אַרבעט האָט ער געמוזט מאַכן אַ כּוסה. אָפטמאָל בין איך געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער צו אַדאָלפן, מעלדנדיק אים, אַז קייזער איז נעבעך ניכטערן און וויל נישט ווייטער זעצן. דאַן האָט אַדאָלף זיך גענומען צו דער קעשענע, אַרויסגעצויגן די לעצטע 20 גרייצער — קיין סך האָט ער נישט פאַרמאָגט, ווייל דער פאָטער האָט נישט געגעבן — און עס אַוועקגעגעבן, כּדי צו „באַזונפטיקן" קייזערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערבעטעניש. קייזער האָט געשיקט נאָך בראָנפן און אָנגעהויבן צו זעצן, אָבער ער איז אינדערמיט אַנטשלאָפן געוואָרן אָדער גאָר גענומען זעצן אַ נעקראָלאָג און דער נומער איז שוין אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ זייט.

שטאַנד איז געווען פאַרדאגהט און דערצערנט. און דער דרוקער האָט אים געטרייסט, אַז דאָס נייעס, וואָס זיין „פּשישלאָשטש" ברענגט, וועט נישט נחמץ ווערן, ווייל דעם עיקר נייעס האָט שוין סיי-ווי געבראַכט די „נייע פרייע פרעסע".

שטאַנד האָט נישט פאַרענדיקט זיין שטודיום. נאָך אייניקע אויס-פּרובירונגען פון זיין געדולד האָט ער פאַרוואָרפן זיין שטודיום און זיך גענומען מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען צו דער אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק. ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך און

אַגיטירט פאַר דער ציוניסטישער אידעע. מען האָט אים געקאָנט אין גאַנץ גאַליציען און אויך איבער די גרענעצן פון לאַנד אַלס גלענצנדן רעדנער, און אויף חנוכּה האָט מען אים פּשוט צעריסן. ער האָט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן אימפּאָנירט מיט זיין טיפן וויסן און שטאַרקער איבערצייגונגס-קראַפט.

קיין ווּנדער נישט, אַז איז יאָר 1907, ווען עס זענען געווען באַשטימט די וואַלן צום ערשטן פאָלקס-פּאַרלאַמענט אין עסטרייך, איז די קאַנדידאַטור פון שטאַנדן געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. און ער איז אויס-געוויילט געוואָרן אין בראָדי און ראַדזיעכאָוו, און צוזאַמען מיט שטרויכערן פון טשערנאָוויץ, ד"ר גאַבעל (וואָס איז אויך אויפגעצויגן געוואָרן אין הויז אויף דער סאָביעסקי-גאַס 24) און דאָצענט מאַהלער האָט ער געשאַפן דעם יידישן קלוב, די ערשטע יידישע פּאַרלאַ-מענטאַרישע רעפּרעזענטאַנץ אין דער וועלט. ביי די פאָלגנדע וואַלן (אין יאָר 1911) האָט שטאַנד נישט באַקומען קיין מערהייט שטימען. די שרעקלעכע אַגיטאַציע פון די אַסימילאַטאָרן און רעגירונגס-ספערן קעגן דער ציוניסטישער קאַנדידאַטור האָט צעשלאָגן דעם יידישן קלוב. פון אַלע פיר מיטגלידער איז נאָר געבליבן דר. שטרויכער פון בוקאָווינע, איצט אַ רומענישער מיטגליד פון דעם סענאַט אין בוקאַרעשט.

שטאַנד האָט שמערצלעך דערפילט די דאָזיקע ירידה און מיט נאָך מער התלהבות האָט ער זיך גענומען צו פּאַרטיי-אַרבעט. די מלחמה האָט אים אַרויסגעריסן פון דער אַרבעט. מיר זענען צוזאַמען אַנטלאָפן פון לעמבערג און צוזאַמען האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מקלט אין רזשעשווּו. שבת, דעם 4טן סעפּטעמבער, זענען מיר געזעסן אין אַ קליינער רזשעשאָווער קאַוויאַרניע און געטראַכט וועגן דער מפּלה פון אונזער היימישער שטאָט, ווייל נאָר-וואָס האָבן געמאָלדן די צייטונגען, אַז דעם 2טן סעפּטעמבער איז דאָס רוסישע מיליטער אַריין קיין לעמבערג.

מיר זענען נישט געבליבן אין רזשעשווּו. דאָס רוסישע מיליטער האָט מאַרשירט ווייטער און די מערהייט גאַליציאַנער היימלאָזע זענען אַנטלאָפן ביז ווין. און שטאַנד האָט זיך שוין פון ווין נישט גערירט. באַלד האָט ער זיך אויך דאָרט גענומען צו דער אַרבעט; אָבער פון

יאָר צו יאָר זענען אים אָפּגעקומען די כּוחות, אַ ביטערע קרענק האָט אים פאַרצערט און היינט אַ יאָר האָט ער פאַרמאַכט די אויגן.

דעם פאַרקינדיקער פון דער ציוניסטישער אידעע איז נישט געווען באַשערט צו דערלעבן דעם מאָמענט, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ יידיש פּאַלעסטינע. שטאַנד האָט זיך נישט דערוואַרט אויף סאַן-רעמאָ. אויף אַ פרעמדער ערד איז ער געשטאָרבן, אַלס היימלאָזער, איינער פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס די גרויסע אייראָפּעישע מלחמה האָט זיי צעבראָכן.

## 2. נתן־נטע סאַמועלי (1921—1846)

### (פערזענלעכע ערינערונגען)

די צייטונגען האָבן געבראַכט די ידיעה, אַז אין באַדען ביי ווין איז געשטאָרבן דער „שריפטשטעלער נאַטאַן סאַמועלי“ און אַז ער איז טאַקע דאָרט אויף דעם יידישן בית-עולם באַגראָבן געוואָרן.

אַ געוויסער טייל פון אונזערע היינטיקע צייטונגס-שרייבער האָבן געוויס איבערגעבלעטערט די ענציקלאָפּעדיע און געזוכט די ביאָגראַפיע פון דעם פאַרשטאָרבענעם. דער עלטערער דור אָבער פון אונזערע משכילים האָט זיך נישט גענויטיקט אין דעם זוכן, ווייל ער האָט תיכף זיך ערינערט אין סאַמועליס „פרצופים“, אין זיינע בילדלעך, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע העברעישע און דייטשע צייטונגען און אַפילו אין רוסישן „וואָסכאָד“, און זענען שפּעטער דערשינען צוזאַמען אין צוויי העפטלעך אין פאַרלאַג „תושיה“. און די, וואָס האָבן זיך ערינערט אין די „פרצופים“, האָבן באַלד געהאַט פאַר די אויגן די געשטאַלטן, וואָס זענען געשילדערט אין די דערציילונגען פון מחבר מיט אַזאַ ליבע און אַזאַ מענטשן-קענטניש; באַלד איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק דער מלמד מיט דעם לולקע-ציבוק, וואָס ער האָט זיינע תלמידים מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבאַק, און אויך די תלמידים האָבן מיר געזען, ווי זיי זיצן אונטער דעם טיש און ניסן אָן אויפהער. באַלד איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר דער לאַנג-פאַרגעסענער גאַלי-צישער באַצירקס-הויפּטמאַן, וואָס פאַר אים האָט געציטערט די גאַנצע שטאָט, און די פני-העיר, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אין דער שול אַן אסיפה און דאָרט אַרומגערעדט, ווי אַזוי מען קאָן דעם דאָזיקן „אַנטי-סעמיט“ בייקומען, און אַזוי כסדר. די גאַנצע צייט פון דער גאַליצישער

השכּלה פון פאַר 50 יאָר מיט אַלע ליכט- און שאָטן-זייטן איז פאַר אונזערע אויגן לעבעדיק געוואָרן, אַזוי ווי אין דעם בילד פון תּחית-המתים פון יחזקאל הנביא איז דאָס לאַנג-פאַרגעסענע ווידער ערינערט, דאָס טויטע אויפסניי באַלעבט געוואָרן.

און מיט דער באַלעבונג פון די געשטאַלטן איז פאַר אונזערע אויגן אויך דאָס געשטאַלט פון דעם מחבר לעבעדיק געוואָרן, גלייך ווי פריילעכע לאַכעדיקע „פּרצופים" האָט זיך אויך זיין פּרצוף מיט זיין באַקאַנטן שמייכעלע צו אונז געווענדט. ר' נתן סאַמועלי איז מיר געקומען פאַר מיינע אויגן, גלייך ווי איך האָב אים אַזוי פיל מאָל געזען לעבן מיר אין קאַפעהויז, אין דער שולע, אין אַ פאַריין, תּמיד לאַכעדיק, תּמיד צופרידן...

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געזען אין דער צייט פון דער מלחמה אין ווין אין אַ קאַפעהויז אין דער אַלזער-שטראַסע. דאָרט פלעגט ער קומען „דער אַלטער הער" מיט זיין איידעם, אַ סוחר, וואָס האָט געהאַט אַמאָל ליטעראַרישע אַספּיראַציעס, און דאָרט פלעגט ער יעדן טאָג לעזן „זיינע" צייטונגען און צווישן זיי און פאַר אַלע די „נייע פרייע פּרעסע". אָט די דאָזיקע „פּרעסע" אין געווען אַזוי-צו-זאָגן דער שלחן-ערוך פון פאַרשטאָרבענעם, אויף איר האָט ער פאַר 60 יאָר געלערנט דייטש, פון איר גענאָסן זיינע קענטענישן פון דער וועלט און זי געלעזן זיין גאַנץ לעבן ביזן טויט. אַזוי זענען געווען די גאַליצישע משכּילים און אַזוי איז געווען ס אַ מ ו ע ל י.

געשטאַמט האָט ער פון ס ט ר י, וווּ ער איז געקומען אויף דער וועלט דעם 28 פעברואַר 1848, אין זיין יוגנט האָט ער גלייך ווי אַנדערע באַלעבאַטישע קינדער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ערציונג, נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצוצייכנען פון זיינע חברים דורך זיין טאַלאַנט און זיינע גרויסע ידיעות. זייער געשווינד – איידער עמיצער האָט זיך אַרומגעקוקט – האָט סאַמועלי זיך אויסגעלערנט דייטש, און די דייטשע קלאַסיקער האָבן אויף אים אַ גרויסע השפּעה געהאַט; אונטער זייער איינפלוס האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן העברעישע שירים. די געשטאַלטן פון די כּתבי-הקודש, די נביאים זענען געוואָרן די העלדן פון סאַמועלי'ס פּאָעטישער פעדער און גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהויבן צו צייכנען זיינע „פּרצופים" – די קליינע געשטאַלטן פון דער קליינער

שטאָט, – וואָס האָבן אים אין די שפּעטערע יאָרן געמאַכט אַזוי באַקאַנט אין דער יידישער וועלט. שוין אין יאָר 1864 האָט ער געדרוקט זיין ערשטע דערציילונג אין דער צייטשריפט „עברי אנכי“ און נאָך איר זענען שנעל געקומען אַנדערע פּרצופים און שירים. און אין יאָר 1868 איז ערשינען אין לעמבערג זיין ערשטער באַנד העברעישע געדיכטן מיט דעם טיטול „כּ נ ף ר נ נ י ם“. דער באַנד האָט געמאַכט אין דער דאַמאָלסטיקער יידישער וועלט אַ גרויסן רושם און דעם דיכטער גע־בראַכט שטאַרקע פּאָפּולאַריטעט.

סאַמועלי האָט דערוויל חתונה געהאַט און זיך איבערגעצויגן קיין לעמבערג, כּדי צו זיין צוזאַמען מיט די דאָרטיקע משׂכּילים, און וויל ער האָט געמוזט טראַכטן וועגן פּרנסה, האָט ער זיך געעפנט אין לעמבערג אַ שניט־געוועלב. דער יונגערמאַן האָט נאָר געקאָנט שרייבן שירים און שיינע „פּרצופים“, אָבער צו פירן מסחר האָט ער נישט געהאַט קיין קאָפּ און נישט קיין געדולד. זיין קאָפּ האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. זיינע אויגן האָבן געזען וויט, זייער וויט איבער די קאַסטנס מיט סחורה און די רעכן־ביכער פון זיין קאַנטאָר. סאַמועלי האָט באַלד פאַרלוירן זיין נדן און האָט זיך געמוזט זוכן אַן אַנדערע פּרנסה. געהאַט האָט ער אין לעמבערג גוטע־פריינט, וואָס האָבן באַוואונדערט זיין טאַלאַנט: דער דייטשער דיכטער ד״ר מאָריץ ראַפּאָפּאָרט, דער באַקאַנטער אַדוו. ד״ר גאָטליב, ד״ר פיליפּ מאַנטש, דער פרעדיקער ל ע וו ע נ ש ט י י ן – אַליין אַ דייטשער דיכטער – און אַנדערע, זיי האָבן אים געגעבן אַן עצה צו ווערן אַ ל ע ר ע ר. סאַמועלי האָט געפאָלגט און האָט אָנגענומען אַ שטעלע אין דער יידישער הויפּט־שולע אין לעמבערג, וו ער האָט געזאָלט לערנען העברעיש. סאַמועלי איז אָבער געווען אַ זיידענער מענטש, אַ דיכטער, און די שולע האָט געפאָדערט אַ „קנעלער“, אַ מלמד, וואָס זאָל האָבן דעם קאָפּ און די האַנט ביי זאַמען. די קינדער פון ערעמסטן קלאַס, ווילד און אומדערצויגן, האָבן נאַטירלעך נישט געהאַט דעם פאַרשטענדניש פאַר אַ נתן סאַמועלי און אין דעם איז געלעגן די ט ר אַ ג ע ד י ע פון דעם דיכטער. צוגעבונדן צו דער שולע, האָט סאַמועלי געהאַלטן זיין לערעריי פאַר דאָס שרעקלעכסטע אָפּקומעניש, און מיט יעדן יאָר האָט ער געהאַט וויניקער געדולד צו זיינע תּלמידים. די שולע איז געווען פאַר אים און ער פאַר איר – אַ פּלאָג.

אָט אַזוי האָט ער פֿאַרבראַכט גאַנצע 25 יאָר.

עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין נאַטור: אין דער שולע איז ער שטענדיק געווען אויפגערעגט און בייז, אָבער קוים האָט ער פֿאַרלאָזט די שוועל פֿון דעם שול-הויז, איז ער געווען דער זעלבער פריילעכער און צופרידענער נתן סאַמועלי. דאָס האָט אים אויך ער-מעגלעכט, טראָץ די אויפרעגונגען אין דער שולע און דוחק אין פרנסה, ווייטער זיך צו באַשעפטיקן מיט ליטעראַטור. אין דער צייט האָט ער געשאַפן די שענסטע „קולטור-בילדער", וואָס זענען געדרוקט געוואָרן כמעט אין אַלע יידישע צייטונגען אין לעמבערג, ווין און בערלין. אַממייסטן האָט ער געדרוקט אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" און אין דער „עסטרייכישער וואָכנשריפט". דאָרט זענען ערשינען זיינע בילדער אויס דעם גאַליצישן לעבן און זיינע גרעסערע ערציילונגען, זיינע „קולטור-בילדער" אויס דעם יידישן לעבן אין גאַליציע זענען דערנאָך אַרויס אין אַ גרויסער זאַמלונג אין לייפציג, 1885 (זייטן 224), אויך אַ גאַנצע ריי פֿון דייטשע געדיכטן, פֿאָרלעזונגען, קאָרעספּאָנ-דענצן זענען ערשינען אין דער גאַנצער וועלט. דערביי האָט סאַמועלי נישט אויפגעהערט צו שרייבן העברעיש. מיר געפינען זיינע ער-ציילונגען כמעט אין אַלע העברעישע צייטונגען און זאַמלביכער, זיינע שירים אין „האסיף"; אין די יאָרן 1896 און 1898 איז ערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע „פרצופים" אין פֿאַרלאַג „תושיה" אין וואַרשע. דערווייל זענען אַריבער 25 יאָר פון זיין שול-דינסט און די לעמבערגער גמינע האָט איינגעזען, אַז עס איז פשוט אַ צער בעל-חיים צו האַלטן אַזאַ מענטש אין אַ שולע פֿאַר קליינע קינדער און זי האָט אים באַ-פרייט מיט דער גאַנצער עמעריטור.

סאַמועלי האָט דאַמאָלס אויפגעאָטעמט. ער איז געוואָרן אַ פרייער מענטש און ער האָט צום צווייטן מאָל זיך געוואָרפן צו מסחר. און דאָס צווייטע מאָל האָט עס אים געגליקט. אין איין פּאָר יאָר איז פון דעם „לערער סאַמועלי" געוואָרן אַ רייכער בעל-הבית, זיין אַלטע צו-פרידנהייט האָט אים ווידער אַרויסגעלויכטן פון פנים; באַלד האָט מען זיך אָן אים דערמאָנט אויך אין די „הויכע פענצטער", איינגעלאַדן אין אַלע פֿאַריינען, זיך צוגעהערט צו זיינע פֿאָרלעזונגען און געפרייט זיך מיט זיין טאַלאַנט.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען צו שפּעט. די בעסטע יאָרן, אין וועלכע דער מענטש קאָן גייסטיק שאַפן, זענען שוין אַוועק. סאַמועלי איז געווען אַן אַלטער צעבראָכענער מאַן, וואָס האָט געלעבט מיט אַלטע זכרונות, איבערגעקייט אַלטע זאַכן, אָבער שוין מער נישט געקאָנט שאַפן. ער האָט געלעבט מיט זיין פאַנטאַזיע אין אַן אַלטער וועלט און נישט באַמערקט, אַז די מענטשן, וואָס ער האָט באַשריבן, זענען שוין לאַנג געשטאָרבן, אַז דאָס לעכערלעכע פון זיינע בילדער איז נישט מער דאָ אויף דער וועלט, אַז אין גאַליציע באַוואונדערט מען שוין נישט מער די דייטשע קולטור, אַז די יונגע זענען געגאַנגען גאָר אַ נייעם וועג... סאַמועלי האָט זיך אין זיין דיכטונג איבערגעלעבט און אַרומגעגאַנגען צווישן די נייע מענטשן, ווי איינער, וואָס איז אָפּגעשלאָפן אַ לאַנגע צייט. סאַמועלי האָט דעם ציוניזם באַוואונדערט, ער האָט אים אָבער נישט פאַרשטאַנען. ער, דער אַמאָליקער געגנער פון דעם חסידישן פאַנאַטיזם, האָט נישט געקאָנט זיך אַריינלעבן אין דער אַרבעט פאַר דעם רענעסאַנס פון דעם יידישן פאָלק.

די מלחמה האָט סאַמועלין גלייך ווי טויזנטער אַנדערע יידן אַרויסגעטריבן פון לעמבערג קיין ווין, דאָרט אין אַן ענג שטיבל האָט ער געחלומט פון אַ געזאַמט-אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק. זיין לעצט געשפּרעך מיט מיר איז געווען וועגן דעם. ליידער האָט ער דאָס נישט דערלעבט.

געשטאָרבן איז ער אויף אַ פרעמדער ערד. גאַליציען, לעמבערג, האָט ער מער נישט געזען.

אין באַדען ביי ווין ליגט ער שטיל אין זיין קבר און חלומט שטיל פון זיינע „פרצופים“, וואָס האָבן אַמאָל אַזוי פיל פרייד געגעבן דעם יידישן לעזער.

# 3. עזריאל־נתן פרענק

## (1924—1863)

ווידער האָבן מיר פאַרלוירן אַ חבר אין דער אַרבעט, דער אומ־באַרמהאַרציקער טויט האָט ווידער אַוועקגעריסן איינעם פון די ווייניקע אַרבעטער אויף דעם שטח פון דער יידישער וויסנשאַפט, דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור און בפרט פון דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן. דעם 1 פעברואַר 1924 איז געשטאָרבן אין זיין דירה (אויף דער לוצקאַ־גאַס 2) דער באַוווסטער איבערזעצער, פעליעטאָניסט און חוקר קדמוניות ע. נ. פ ר ע נ ק נאָך אַ לאַנגער און שווערער קרענק. דעם צווייטן טאָג האָבן מיר אים באַגלייט אויף זיין לעצטן גאַנג און קובר געווען אויף דעם גענשער בית־עלמין, ווו ס'ליגן שוין אַזוי פיל אונזערע שענסטע און בעסטע.

פרענק איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר תּרפ״ג (1863) אין ו ו אָ ד ז י ס ל אַ ו ו, אַ קליין שטעטעלע ביים וועג פון קראָקע קיין קיעלץ. זיינע עלטערן, רייכע חסידים, האָבן אים געגעבן אַ חסידיש רעליגיעזע דערציונג, נאָר פרענק איז זייער יונג נחמץ געוואָרן און פאַרלאָזט די עלטערן, דאָס שטעטל און געקומען קיין וואַרשע, ווו ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ קרייז פון משכּילים פון יענעם דור. ביי 20 יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אין די העברעישע צייט־שריפטן, וואָס זענען אין יענער צייט דערשינען, ווי אויך אין די קובצים, יאָרביכער, אַלמאַנאַכן וכו׳. „איך האָב געאַרבעט אין ה א ש כ ו ל, — לייענען מיר אין פרענקס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט צוגעשיקט דער רעדאַקציע פון אַ לעקסיקאָן פון יידישע שרייבער 1) — שרייבנדיק דאָרט

---

1) געשריבן 1887. פון דעם לעקסיקאָן זענען דערשינען נאָר זעקס העפטן.

אַרטיקלען פון פוילישער און פויליש-יידישער געשיכטע, גלייכצייטיק האָב איך געשריבן עטלעכע פעליעטאָנען אין דער הצפירה. אין דעם ערשטן יאָרגאַנג פון דעם השלוח האָב איך געדרוקט דעם מאמר: לקורות החזקה, אין המליץ האָב איך געאַרבעט אין די יאָרן 1897—1902, שרייבנדיק „בריוו פון וואַרשע“ אונטער דעם פסיידאָנים: פנח, נתן וכו׳. מיינע אַרטיקלען האָט מען אויך געדרוקט אין „דער ייד“, „די וועלט“ (ווין), „די יידישע פאַמיליע“ (באַנד I און II 1902-3). אין ווילנער „הזמן“ האָב איך געאַרבעט אין די יאָרן 1904-5 און גלייכצייטיק האָב איך געדרוקט פובליציסטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין „הבוקר“, וועלכער איז דערשינען אין וואַרשע אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פרישמאַן. אין דעם יאָר 1911 בין איך אַריינגעטרעטן אין דער רעדאַקציע פון דער „הצפירה“, וואָס האָט יעמאָלט אָנגעהויבן צו ערשיינען נאָך אַ לענגערער הפסקה און בין אין איר געבליבן אויך בשעת דער מלחמה, ווען כמעט אַלע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער זענען זיך צעפלויגן על שבעה ימים. כדי צו ראַטעווען דאָס פאַרמעגן פון דער רעדאַקציע, דעם לאָקאַל, די מאַשינען וכדומה, האָב איך געפירט די צייטונג נאָר מיט איין-איינציקן געהילף (ר׳ אפרים זינגער), אַליין האָב איך געשריבן לייט-אַרטיקלען, די כראָניק, טעלעגראַמען, נישט קוקנדיק דערויף, אַז חדשים-לאַנג האָב איך נישט באַקומען קיין גראָשן האָנאָראַר“.

פרענקס ליטעראַרישע אַרבעט קאָן געטיילט ווערן אין דריי חלקים: רעדאַקציאָנעלע אַרבעט, איבערזעצערישע און היסטאָרישע.

1. אַלס רעדאַקטאָר און פובליציסט האָט פרענק געאַרבעט פון דעם יאָר 1884 כמעט ביז צו זיין לעצטער מינוט אין אַלע צייטונגען, וואָכנשריפטן און חודש-זשורנאַלן, העברעישע און יידישע, וואָס זענען דערשינען אין פוילן, רוסלאַנד און מחוץ-לארץ. ער האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן שעף-רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער צייטונג און האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דעם צ״ק פון דער ציוניסטישער פאַרטיי, אַז זי האָט אים נישט איבערגעגעבן די שעף-רעדאַקציע פון דער הצפירה בשעת זי האָט געזאָלט טעגלעך דערשיינען. דער שמערץ טרעט נאָך אַרויס בולט אין זיין לעצטן אַרטיקל אין „מאָמענט“, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דעם טאָג פון זיין פטירה.

אין די צייטונגען און מאָנאַט-זשורנאַלן האָט פרענק געדרוקט כּלערליי אַרטיקלען, באַריכטן פון אַסיפות, פּאָליטישע כראָניק, גאַנץ גוטע לייטאַרטיקלען, אָבער אַמליבסטן איז אים געווען געשיכטע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט צעשיידן ביז צו זיין לעצטן לעבנס הויך.

2. אַלס איבערזעצער האָט פרענק פּראָבירט זיינע כּוחות קודם אין קלענערע זאַכן, ווי, למשל, איבערצוזעצן נאָוועלן, נאָר באַלד האָט ער זיך גענומען צו גרויסע ביכער און האָט איבערגעזעצט פון פּויליש אויף יידיש דעם באַוווּסטן היסטאָרישן ראָמאַן „פּאַראַאָן“ פון פּרוס, „מירטאַלאַ“ פון דער אָרזשעשקאָוואַ, און בשעת דער מלחמה האָט ער איבערגעזעצט אויף העברעיש דעם ערשטן טייל פון דער באַרימטער טרילאָגיע פון שיענקיעוויטש: באש ובחרב (3 בענדער) און האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם צווייטן טייל: מבול (פּאָטאָפּ). נישט אַלע זענען מיט דער איבערזעצונג צופרידן, בפרט מיט דעם ערשטן באַנד, ווו ס׳זענען פאַראַן אַסך נישט פאַרשטענדלעכע פּסוקים, נאָר ווען מיר וועלן איבערלייגן ווי שווער איז דער פּוילישער לשון פון שיענקיעוויטש, ווי פול מיט אַרכאַיִזמען און מאַקאַראָניזמען (לאַטייניש-פּוילישע ווערטער), וועלן מיר פאַרשטיין וואָס פאַראַ שטיינער ס׳האָט געהאַט צו איבערהיפּן דער איבערזעצער און אויף ווי ווייט ער האָט געמוזט באַהערשן סי די פּוילישע, סי די העברעישע שפּראַך.

איבערזעצנדיק אַלע מאָל ווייטער שיענקיעוויטשעס ווערק, האָט זיך פרענק אַלע מאָל וואָס מער אַריינגעאַרבעט אין דער זאַך, איעדער ווייטערער באַנד איז אַרויסגעקומען פון זיין פעדער אַלע מאָל בעסער און בעסער, און ס׳איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס ס׳איז נישט געווען געגעבן פרענקן די גאַנצע טרילאָגיע צו פאַרענדיקן.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט פרענק איבערגעזעצט אין העברעיש עטלעכע ביכער פאַר דער יוגנט, ווי למשל סווען העדין: פון איין פּאָל צום צווייטן, הוצאת תּרבות 1923) און אַנדערע.

3. אַ דויערנדן ווערט האָבן פרענקס היסטאָרישע אַרבעטן, כאָטש זיי שטייען בכלל נישט אויף דער הויך פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. פרענק איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, ס׳האָבן אים געפעלט די

קענטנישן פון דער היסטאָרישער מעטאָדע און היסטאָרישע הילפס-וויסנשאַפטן, און באַזונדערס האָט אים געפעלט די לאַטייניש שפּראַך, אָן וועלכער ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די היסטאָרישע מקורות, טראָץ דעם האָט ער פאַרשטאַנען זיך צו געבן אַן עצה מיט מאַנכע תקופות אין דער יידישער געשיכטע און באַזונדערס מיט דעם פּריוואַטלעבן פון די יידן אין פוילן, מיט זייער קולטור אאַז״וו.

ס׳וואָלט צו ווייט געפירט, איך זאָל וועלן דאָ געבן אַן אַנאַליז פון פרענקס אַלע, און אַפילו פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע מאמרים און ספרים, איך וויל זיי נאָר אויפציילן אין אַ קורצער איבערזיכט.

זיין היסטאָרישע אַרבעט האָט פרענק אָנגעהויבן פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן, אָדער בעסער געזאָגט: פון היסטאָרישע קולטור-בילדער, דערצויגן אין אַ חסידישער סביבה האָט ער אין אַ ריי פון בילדער געמאָלן דאָס חסידישע לעבן און זיי אַרויסגעגעבן אין אַ געמיינזאַם בוך: מחיי החסידים בפולין (וואַרשע 1895). די דערציילונגען זענען פאַרביק און לעבעדיק, נאָר דער מחבר קאָן זיי נישט פאַרבינדן, דער ספּור-המעשה רייסט זיך אַלע מאָל און אַזוי זענען די געשפּרעכן לאַנג און נודנע, לעבעדיקער פליסט די דערציילונג אין זיין צווייטן ווערק: יצחק מאיר בילדותו (וואַרשע 1904, ביבליותיקה עברית), ווו מיר דערקאָנען די חסידישע דערציונג, מנהגים וכו׳.

מיט חסידות האָט זיך פרענק באַשעפטיקט זיין גאַנץ לעבן און האָט אין זיין לעצטן יאָר אַרויסגעגעבן חסידישע לעגענדן פאַר דער יוגנט: אגדות החסידים (וואַרשע, צענטראַל-פאַרלאַג) און זייער שיין אויסגעקליבענע לעגענדן פון דעם זוהר: אגדות הזוהר (פאַרלאַג אחיאסף). פון דעם בוך האָט פרענק אויסגעוויילט און באַאַרבעט פאַר דער יוגנט אַ רייע פון אגדות (אגדות הזוהר לבני הנעורים). ער האָט אָבער שוין נישט דערלעבט זיי אַרויסצוגעבן.

פון די האַלב-היסטאָרישע האַלב-בעלעטריסטישע אַרבעטן איז פרענק אַריבערגעגאַנגען צו דערווירקלעכער געשיכטע און דאָ האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן אין דער תקופה פון דעם הערצאָגטום וואַרשע און קאָנגרעס-פוילן. ער האָט פאַרשטאַנען אויסצוזוכן אין דעם אַרכיוו פון דער קהילה און אין אַנדע-

רע אַרכיוון די געהעריקע דאָקומענטן און אַרום זיי אַרומוויקלען אַ נעץ פון מעשיות און לעגענדן.

טיילנדיק פרענקס אַרבעטן לויט תּקופות פון דער פוילישער געשיכטע, האָבן מיר צו דער צייט פון דעם אומאָפּהענגיקן פוילן די אַרבעט: לקורות החזקה (השלוח 1897) געבויט אויף דעם יסוד פון דעם פּנקס קהילת אפּטא, וואָס זיין קאָפּיע געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע [1]. דאַן גייט אַ גוטע אַרבעט אויף רוסיש: איבער דעם אינערן לעבן פון יידן אין פוילן אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט (אין וואָסיעאָבשטשאַיאַ איסטאָריאַ יעוור. נאַראָדאַ באַנד XI, מאָסקוואַ 1914, איזדאַטיעלסטוואָ מיר [2]). פאַרטשטרייטנדיק אין דער כראָנאָלאָגיע באַגעגענען מיר אַן אַרבעט, וואָס האָט זיך געדרוקט קודם אין דער הצפירה און שפּעטער דערשינען אַלס בוך: העירונים והיהודים בפולין [3], ווו דער מחבר מאָלט דעם קאַמף, וואָס יידן האָבן געפירט מיט די מיעשטשאַנעס אין פאַרשידענע שטעט און בפרט אין וואַרשע וועגן ווין- און האַנדלס-רעכט. פרענק האָט זיך אָבער באַדינט מיט אַ גאָר קנאַפּ מאַטעריאַל און דערפאַר זענען זיינע אויספירונגען טרוקן און צומאָל פאַלש, בפרט אין ערשטן טייל פון דעם בוך, בעסער איז דער צווייטער טייל, ווו דער מחבר באַשרייבט די יידן-פראַגע בשעת דעם סיים אין די יאָרן 1788—1792 און די אַרבעט פון דער יידישער קאָמיסיע. ליידער איז די אַרבעט סמאָלענסקיס (דאָס לעצטע יאָר פון דעם פיריעריקן סיים [4]) און די בריוו-זאַמלונג פון דעם גלח פּיאַטאָלי) געווען פרענקן אומבאַקאַנט [5], כאָטש זיי זענען שוין לאַנג געווען געדרוקט און דאָס באַטייט אַ גרויסן חסרון אין זיין בוך.

כמעט ווי אַ המשך צו דעם בוך איז פרענקס פּאָפּולערע אַרבעט: יהודי פולין בימי מלחמת נאַפּוליאָן [6], געשריבן אויפן יסוד פון דעם אַרטיקל געסענס: „ו׳ יעפּיעמירנאָם גאָסודאַרסטוויע” און אַ דער-

1) זע נחום סאָקאָלאָווס אַרטיקל אין האסיף VI.
2) דאָס לעבן אין XVI יאָרהונדערט האָט באַאַרבעט שמעון דובנאָוו.
3) וואַרשע 1921, זייטן 164.
4) **Smoleński:** Ostatni rok Sejmu Wielkiego, Krakow 1897.
5) **Acona:** Scipion Piattoli e la Pologne.
6) וואַרשע 1912 זייטן 54. העסענס אַרטיקל געדרוקט: יעוור. סטאַרינאַ 1910.

גאַנצונג צו דער אַרבעט בילדעט פרענקס גרויסער מאמר: „לתולדות היהודים בנסיכות ורשה״[1] ווו דער מחבר באַשרייבט אויף דעם יסוד פון אַרכיוואַלישע דאָקומענטן דאָס אינערע לעבן אין דער תקופה, די קרופקע, די טאָג-צעטלען, שולן א. אַז. וו. אין דער אַרבעט זעען מיר צום ערשטן מאָל פרענקן דעם היסטאָריקער, וואָס קאָן זיך געבן אַן עצה מיט אַרכיוואַלישע דאָקומענטן. בויענדיק ווייטער אויף אָט די דאָקומענטן פובליקירט פרענק אין דער התקופה אַ גרויסן מאמר (80 זייטן) קנין נחלות[2] און אַ המשך צו דעם איז זיין פּאָפּולערער אַרטיקל: די מלחמה קעגן הפקרות אין אַמאָליקן וואַרשע,[3] ווי אויך די צוויי-בענדיקע אַרבעט: משומדים אין פוילן[4], וואָס איז צוערשט דערשינען אין „היינט״ אין אַ לאַנגע ריי פון פעליטאָנען. די לעצט-דערמאָנטע צוויי אַרבעטן זענען געבויט ווייניקער אויף דעם יסוד פון אַרכיוון, ווי אויף דעם אויסגעצייכנטן זכרון פון דעם מחבר און זיין קענטניש פון גענעאַלאָגיע פון וואַרשעווער יידישע משפחות.

אין די „משומדים״ איז דאָ אַסך אמת, אָבער אויך נישט ווייניק פאַנטאַזיע. איך וואָלט עס אַמבעסטן דעפינירט מיט געטעס וואָרט: „דיכטונג און וואָרהייט״, אָבער זיי האָבן פאָרט אַ גרויסן ווערט אַלס שיינע קולטור-בילדער פון יענער תקופה[5].

מיט פרענקן איז פון אונז אַוועקגעגאַנגען איינער פון די, וואָס האָבן געקאָנט און געוואָלט דערציילן מעשיות פון דעם נישט לאַנג פאַרשוווּנדענעם דור.

---

1) התקופה IV (1919) זייט 450–448.

2) התקופה ב. 13 (1922) זייט 241–210, באנד 15–14 (1922) זייט 375–397, באַנד 18 זייט 267–239.

3) אַלמאַנאַך צום 10-יעריקן יובילעום פון מאָמענט, וואַרשע 1921 זייט 95–114.

4) פרענק: משומדים אין פוילן, אין 19 יאָרהונדערטן צוויי בענדער, וואַרשע 1923–4, מ. י. פרייד.

5) נאָך פרענקס טויט האָט מען די „משומדים אין פוילן״ געדרוקט אין „נאַש פשעגלאָנד״ אין דער איבערזעצונג פון זיין זון לודוויק פרענק.

# 4. פייבוש=הירש וועטשטיין

(23 יוני 1924)

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע און בפרט די קראָקעווער געשיכט-שרייבונג האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע פלייסיקסטע און נוצלעכסטע אַרבעטער. וועטשטיין לעבט נישט מער, דער אומבאַרמהאַרציקער טויט האָט אים אַוועקגעריסן אויף תמיד. ער זיצט נישט מער ביי דעם עק טישל פון זיין אַנטיקוואַריאַט אויף שפיטאָלגאַס נ״ר 20 (קראָקע) צווישן אַ הויפן ספרים און ביכער, ווו ער פלעגט צווישן איין קונה און דעם צווייטן אַריינקוקן אין אַ ספר, אָדער אין אַ כתב-יד און אויפשרייבן זיינע חקירות.

פאַר עטלעכע חדשים האָט ער געוואָלט אַרויסגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון דעם באַרימטן ספר כלילת יופי פון זיין לערער ר׳ חיים-נתן דעמביצער ז״ל. ער האָט פאַרשיקט בריוו צו די גדולי הדור, האָט פאַרלאַנגט פון זיי זייער מיינונג וועגן דעם ספר, ווי אויך זייערע תקונים און הוספות, כדי זיי צו דרוקן אין דער נייער אויסגאַבע.

און באמת איז דעמביצער געווען וועטשטיינס מדריך און ערציער. אין זיין שטוב איז וועטשטיין אויפגעוואַקסן און פון זיין מויל האָט ער געהערט און געלערנט תורה און חכמה. ס׳איז אָבער געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דעם לערער און זיין תלמיד. דעמביצער איז געווען אַ חריף, וועטשטיין אַ בקי, דעמביצער איז געווען אַ סינטעטיקער, וועטשטיין אַן אַנאַליטיקער. דעמביצער האָט פאַרשטאַנען אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן צו פאַרבינדן די פאַקטן און צו געבן אַ בילד ווי געגאָסן פון איין שטיק, וועטשטיין איז געווען אַ כראָנאָגראַף, וואָס האָט די פאַקטן געשטעלט לויז איינעם לעבן דעם אַנדערן, מאַטעריאַל

טתם, אָבער נישט רוי, נאָר באַארבעט און דערקלערט, און תמיד גאָר וויכטיקער מאַטעריאַל, חומר היסטורי, און אין דעם ליגט וועטשטיינס גרויסער פאַרדינסט.

נאָך דעמביצערן האָט וועטשטיין איבערגענומען אַלע פנקסים און העתקות [1]) און האָט אָנגעהויבן די אַרבעט מיט דער אַרויסגאַבע פון ויינע קדמוניות מפנקסות ישנים אין גרעבערס „אוצר הספרות“ 1892, ווו ער האָט אָפּגעדרוקט זייער וויכטיקע דאָקומענטן פון אַן אַלטן קראָקעווער פנקס פון דעם 17 יאָרהונדערט.

פון דער צייט האָט ער אַלע מאָל אָפּגעדרוקט אַ ניי בינטל אַקטן, ווי למשל: דברים עתיקים (קראָקע 1900), „מפנקסי הקהל בקראקא“ (ברעסלוי 1901) [2]), דברי קדם (1902) פון דעם לוח שעשועים). און אַ גאָר גרויסע זאַמלונג פון אַקטן דברי חפץ (מאסף, פעטערבורג 1902), צווישן זיי וויכטיקע דאָקומענטן צו דער „קאָנפעדעראַציאַ באַרסקאַ“, צו דער ערשטער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין קראָקע (1772 — 1776), סטאַטוטן פון יידישע צעכן אאַז״וו, אויך אין דעם „ספר היובל“ לכבוד נחום סאָקאָלאָוו האָט וועטשטיין אָפּגעדרוקט אַ גרויסן מאמר: לתולדות גדולי ישראל. אַ שורה פון ביאָגראַפיעס פון קראָקעווער רבנים און מנהיגים האָט וועטשטיין פובליקירט אין „האשכול“ 1909 („לתולדות ישראל וחכמיו בפולין“) און אין „אשכול“ 1919 אונטער דעם זעלבן טיטול כמעט די זעלבע ביאָגראַפיעס, נאָר שטאַרק אויסגעברייט און מיט אַסך מער היסטאָריש מאַטעריאַל.

אַ גאַנץ לעבן האָט וועטשטיין געזאַמלט מאַטעריאַל, כדי אַמאָל אויפצושרייבן אַ פולע געשיכטע פון די יידן אין קראָקע און אַפילו אין גאַנץ פוילן און שוין אין די יאָרן תרנ״ה — תרנ״ז האָט ער פּרובירט

---

1) זע: תולדות מהרח״ן קראָקע 1893 ע׳ 37. „וימים אחדים לפני מותו — שרייבט וועטשטיין — נתן לידי את כל האגרות וכתבי הרשימות, שהיו מונחים במלתחתו בדברים האלה: אתי שמורים מכתבים רבים וכתבי המון, רשומות ממקומות הספרים, שראיתי בם תועלת לחקירות קדמוניות, ושמתי זכרון בספר, ואחרי כי אין לי בן יורש. הואילה אתה לספחם על נחלתך ובאשר הייתי אני לך לאב והכנסתי אותך בבריתו של אברהם בתור „סנדק“ ואחרי כן למדת תורה מפי, כן תהיה להם לאב“.

2) אָפּדרוק פון דעם ספר הזכרון לכבוד דר. דוד קויפמאַן — תהלה לדוד.

זיינע כוחות אין אַ ריי אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען לקורות היהודים בפולין וביחוד בקראקא, אָבער די פּרוּוו איז אים נישט געלונגען און ער האָט נאָך איינמאָל אָנגעהויבן פון פאָרנט אין דער וואָכנשריפט המצפה, ווּ ער האָט אין די יאָרן 1904 — 1906 [1] אָפגעדרוקט ביז 50 אַרטיקלען און איז נישט געקומען צו אַ סוף. נאָך אַן ערך פון 15 יאָרן האָט ער ווידער אָפּגעדרוקט די אַרטיקלען פון דעם „המגיד" און דעם „המצפה" אין אַ באַזונדער בראָשור, ווּ ער האָט פּרובירט אַרומנעמען די געשיכטע פון די יידן אין גאַנץ פּוילן אין דער צייט פון די פּיאַסטן און יאַגעלאָנען (1918) [2], אָבער דאָ האָט זיך צום לעצטן מאָל אַרויסגעוויזן, אַז דער מחבר באַזיצט נישט קיין טאַלאַנט פון אַ סינטעטיקער און ער מוז זיך באַגניגן מיט זיין וויכטיקער אויפגאַבע אַרויסצוגעבן אַקטן און באַאַרבעטן ביאָגראַפּיעס.

אין דעם לעצטן ענין איז ער געווען אַ בקי און אַ שטאַרקער מחמיר, דערביי אין זיין קריטיק פון ספרים פון אַנדערע מחברים אַ נוקם ונוטר כנחש. און האָט זיך גאָר געהאַנדלט וועגן אַ ספר אָדער אַ מאמר בנוגע קראָקע, דאָ האָט וועטשטיין אַרויסגעוויזן זיין גרויס וויסן, אָבער אויך אַ כעס, ווי ס'שטייט אָן פאַר אַ תלמיד-חכם.

אַזאַ כעס באַווייזט ער, וויפל מאָל ס'דערשיינט אַן אַרטיקל אָדער אַ בוך פון דוב-בער פרידבערג. וועטשטיין גייט אים נאָך שריט אויף שריט און קריטיקירט אים נישט נאָר יעדן פרק, נאָר יעדן פסוק, אַפילו יעדעס וואָרט. פרידבערג האָט אין דעם יאָר 1897 אַרויסגעגעבן דאָס ספר: לוחות זכרון, אַ זאַמלונג פון קורצע ביאָגראַפיעס פון קראָקעווער רבנים. וועטשטיין האָט זיך צו דער אַרבעט אָנפאַנגס באַצויגן רויק, כאָטש זיין קריטיק איז געווען זייער שאַרף, אָבער ווען פרידבערג האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע נוסחות פון קראָקעווער מצבות [3] און האָט נישט גענוג געלויבט וועטשטיינס אַרבעט, האָט דער לעצטער מיט כעס אָנגעשריבן אַ קריטיק וועגן דעם, ווּ ער האָט אויף דעם

1) המצפה תרס"ד נ"ר א—ל"ב און שנת תרס"ו נ"ר א—נ"ב.

2) פ. ה. וועטשטיין: לקורות היהודים בפולין וביחוד בקראקא משנת 1096 עד שנת 1587. קראָקע תרע"ח, 82 זייטן קליין-אָקטאַוו.

3) נייע אויף דעם יידישען פרידהאָף אין קראָקוי אויפגעפונדענע גראַב-שריפטען. מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעס יודענטומס. 1900 זייט 366—355.

מחבר נישט איבערגעלאָזט קיין טרוקענעם פאָדעם [1]. נאָך שטאַרקער און צו טייל אומגערעכטער איז וועטשטיינס קריטיק פון דער צווייטער אויסגאַבע פון פרידבערגס לוחות זכרוןְ [2]. שוין דער נאָמען פון דער קריטיק שברי לוחות [3] גיט אונז אַ בילד פון דעם טאָן, וועלכן מיר געפינען דאָרט, הגם דער מבקר האָט אין אַסך פאַלן אַפילו רעכט, ער טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז פרידבערגס ספר איז דאָך ביז היינט דאָס בעסטע האַנטבוך צו דער געשיכטע פון קראָקעווער משפחות [4].

איך וואָלט אָבער געטון אַן עוולה וועטשטיינען, איך זאָל נישט באַמערקן, אַז דער כעס קעגן פרידבערגן און אַנדערע שרייבערס איז געוואָקסן פון דער ערנסטקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַצויגן צו דעם געגנשטאַנד, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט זיין גאַנץ לעבן מיט אַ געדולד, וואָס מ׳טרעפט זי זעלטן ביי יידישע חוקרים פון דעם עלטערן דור. און אַדאַנק דעם געדולד און דער אויסדויער זענען וועטשטיינס אַרבעטן גאָר וויכטיקע בוי-שטיינער פאַר די, וואָס פרובירן און וועלן פרובורן צו בויען דאָס געבוי פון דער היסטאָריע פון יידן אין קראָקע. צווייערליי לויים זענען געווען אין בית-המקדש: איין כת האָט געעפנט די טויערן און די אַנדערע כת לויים האָט געשפילט און געזונגען. פ. ה. וועטשטיין האָט געהערט צו די עפנערס פון די לאַנג פאַרמאַכטע טויערן פון די יידישע אַרכיוון און דערפאַר וועלן די זינגער פון דער געשיכטע אים אָפּגעבן אַ שבח פאַר דער מי פון זיין גאַנץ לעבן.

---

1) אין דער זעלבער מאָנאַטשריפט 1901 זייט 165—176.

2) פראַנקפורט תרס״ד.

3) שברי לוחות, בקרת ספר לוחות זכרון מאת פ. ה. וועטשטיין. קראָקא תרס״ה.

4) דאָ וויל איך אויך דערמאָנען וועטשטיינס גרויסן טעות אין זיינע „קדמוניות״, ווו ער האָט דעמביצערס העברעישע נאָטיצן געהאַלטן פאַר דעם עצם פון די תקנות קראָקע פון שנת שנ״ה (1595) און האָט זיי אַלס אַזעלכע אָפּגעדרוקט. זע באַלאַבאַן: די קראָקויער יודנגעמיינדע — אָרדנונג פאַן 1595 אונד אירע נאַכטרעגע. יאַרבוך דער יודיש-ליטעראַרישן געזעלשאַפט פראַנקפורט אם מיין. באַנד X און XI. 1913—1916.

# 5. יעקב נפתלי הערץ סימכאָוויטש (שמחוני)

## (צו זיין ערשטן יאָרצייט)

ווייל'נדיק אין יאָר 1912 אַ גאַנצן ווינטער אין בערלין, האָב איך אין שטוב פון דעם באַוווּסטן שריפטשטעלער ש״י איש הורוויץ קאָנען געלערנט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעלטענעם איינדרוק. הויך, דאַר, גרין, מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, שטיל און באַשיידן, און דערביי אַ בקי בכל חדרי תורה און אין אַלע ווינקעלעך פון חכמת ישראל. ווו מען האָט אים אָנגערירט, איז ער געווען „איינ־דערהיים״, תנ״ך אַלט־מאָדיש און ביבל־קריטיק, אַ שאלה פּסקענען און מאָדערנע אויפפאַסונג פון דעם תלמוד, אַלטע געשיכטע און די תקופה פון דער השכלה, און אין גענעאַלאָגיע (יחוס) איז ער גאָר געווען אַ חריף. נאָך אונזער ערשטען באַגעגעניש בין איך געווען זייער נייגעריק צו וויסן, ווער דער יונגערמאַן איז און פון וואַנען ער שטאַמט, איבערהויפּט נאָך, ווייל ער האָט געזאָלט זיין דער איבערזעצער פון מיין מאמר איבער די פראַנקיסטן פון דייטש אויף העברעיש פאַר דעם „העתיד״ [1].

ש״י הורוויץ האָט געשמייכלט, ווי עס איז געווען זיין טבע, און האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן לאַנג און ברייט פון דער משפחה, פון וועלכער דער יונגערמאַן שטאַמט, און אַזוי בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער יונגער עלוי שטאַמט פון סלוצק, ווו זיין פאָטער ר׳ שמעלקע סימכאָוויטש (געשט. 1896) האָט געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע. דער דאָזיקער ר׳ שמעלקע אַליין איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער למדן, וווּנדערבאַר „געשווומען אין דעם ים התלמוד״, געשריבן גאָר אַ שיין העברעיש און רוסיש, געווען אַ שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון דעם

---

1) באַלאַבאַן: לתולדות התנועה הפראנקית, העתיד 1913 ז׳ 122 — 150.

„פעטערבורגער העראָלד״, און געקאָנט אַחוץ דעם עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן. אָט דעם ר׳ שמעלקן האָט מען פאָרגעשלאָגן עטלעכע רבנות־שטעלן, אַפילו אין ווין און אין וואַרשע (נאָך דעם אָפּטרעטן פון ר׳ יאָקל געזונדהייט), נאָר ער האָט נישט געוואָלט מאַכן פון זיין תורה קיין קרדום לחפור בה, און ער איז ליבער געבליבן אַ ייד אַן עושר און כל ימיו געשטיצט סופרים וחכמים. צוויי יאָר פאַר זיין טויט (1894) איז ר׳ שמעלקע סימכאָוויטש באַרופן געוואָרן פון דעם מיניסטעריום קיין פעטערבורג צו דער באַוווסטער רבנים־קאָמיסיע.

ר׳ שמעלקע האָט צוויי מאָל חתונה געהאַט; פון זיין ערשטער פרוי, געבוירן איסערלין, האָט ער געהאַט עטלעכע קינדער, דערונטער אַ זון (וואָס לעבט היינט נישט מער) ד״ר שלמה שכנא סימכאָוויטש, דער מחבר פון אַ גרויסן פילאָזאָפישן ספר „דער פּאָזיטיוויסמוס דעס מאָזאַאיסמוס״ (ווין, 1880). זיין צווייטע פרוי, זיסל, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אויף די עלטערע יאָרן, איז געווען אַ גרויסע מיוחסת, אַ טאָכטער פון דעם באַוווסטן לעמבערגער עושר ר׳ הערץ בערענשטיין. ר׳ הערצעלע בערענשטיין האָט געגאָלטן אין לעמבערג פאַר אַ גרויסן מיוחס [1]. ער איז געווען אין אַ דירעקטער אָפּשטאַמונג פון דעם „פני יהושע״ און פון זיין אייניקל ר׳ בעריש (בערענד לעווי), דעם לאַנד־ראַבינער אין האַמבורג. די נאָכקומענדע דורות האָבן זיך געטיילט אין צוויי צווייגן, דער לובלינער צווייג האָט אָנגענומען דעם נאָמען לעווענשטיין און פון אים שטאַמט אויך דער באַוווסטער פּאָליטיקער און פאַרטיידיקער פון שטייגערן ד״ר נתן לעווענשטיין. דער לעמבערגער צווייג האָט זיך אָנגערופן בערענשטיין און פון אים שטאַמט ר׳ הערצעלע מיט זיינע פיל קינדער, וואָס זענען פאַרקניפּט און פאַרהייראַט מיט די שענסטע יידישע משפחות. דאָס איז די טראַדיציע, וואָס אונזער הערצעלע סימכאָוויטש האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין היים. ער אַליין האָט איבערגענומען די מעלות טובות פון ביידע צדדים, דעם אייזערנעם מוח און דאָס שוואַכע געזונט, דעם וווּנדערבאַרן זכרון און דאָס גרינגע פנים...

---

1) לויט זיין נאָמען האָט אַסך יאָרן נאָך זיין טויט אָנגערופן משה ריכטער זיין פּיעסע „הערצעלע מיוחס״.

ביי פיר יאָר איז ער געווען באַקאַנט אַלס עילוי, און ביי אַכצן
האָט ער באַקומען התרת-הוראה, נאָר באַלד האָט זיך אין אים ערוועקט
דער חשק צו שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפטן, פון דער היים האָט ער
אַרויסגעטראָגן עטלעכע שפּראַכן, און אַדאַנק זיינע גוטע פעיקייטן,
האָט ער אין אַ קורצער צייט געמאַכט מאַטורע אַלס עקסטערן אין
אַ רעגירונגס-גימנאַזיע אין פעטערבורג און איז געפאָרן קיין בערן אויף
דער אוניווערזיטעט. פון דאָרט האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן קיין
בערלין, וווּ ער האָט געפונען אַ געלעגנהייט זיך צו באַפעסטיקן אין
חכמת ישראל. זיין דאָקטאָראַט האָט ער באַקומען פאַר דער מלחמה
(1914) אויפן גרונט פון אַ דיסערטאַציע איבער די כוזרים [1]. אָבער שוין
פריער אַלס סטודענט דרוקט ער וויכטיקע מאמרים אין פאַרשידענע
העברעישע און דייטשע צייטשריפטן.

אין יאָר 1910 פאַרעפנטלעכט ער אין דער „מאָנאַטשריפט פאַר
געשיכטע און וויסנשאַפט דעס יודענטומס" אַן אינטערעסאַנטן מאמר איבער
זיין עלטער-זיידן, דעם „פני יהושע", פון וועלכן מיר ווערן געוואָר
די ביטערע התנצלות פון דעם גאון בשעת זיין רבנות אין לעמבערג.
גלייכצייטיק (1912—13) דרוקט ער אין „העתיד" אַ גאָר וויכטיקע חקירה
איבער יחזקאל הנביא, ווי אויך קלענערע אַרטיקלען אין „השלוח".

אין יאָר 1918 ברענגט אים ד"ר ברוידאָ אַראָפּ קיין לאָדז,
אַלס לערער און מנהל פאַר יידישע למודים אין די דאָרטיקע גימנאַזיעס.
שמחוני אַנטוויקלט זיך אַלס אויסגעצייכנטער פעדאַגאָג, באַזונדערס אין
די העכערע קלאַסן, און אַדאַנק זיינע פאָרטראַגן זענען אַנטשטאַנען די
ערשטע דריי חלקים פון זיין היסטאָרישן האַנטבוך „דברי ימי ישראל"
(בערלין, 1922—9) [2], וואָס איז דאָס ערשטע אָריגינעלע העברעישע
געשיכטס-בוך, באַגרינדעט אויף די נייע פאָרשונגען. פון וועלהויזען,
קיטעל, שירער און אַנדערע. אַדאַנק זיינע פאָרטראַגן זענען אויך
געשאַפן געוואָרן זיינע שטודיען צו דער ביבלישער תקופה, ווי אויך צו
דער מיטלאַלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור, ווי, למשל, די אויס-
געצייכנטע אַרבעט „רבי שלמה בן-גבירול" און איבער זיין גאַנצער

---

1) די אַרבעט ליגט שוין זיבן יאָרן אין קראָקעווער אַקאַדעמיע און מ'זעט נישט
זי זאָל אַ־ויסגעגעבן ווערן.

2) חלק 3 איז דערשינען נאָך זיין טויט, הוצאת „דביר".

עפּאָכע („התקופה״), איבער „דריי נייע פּיוטים פון רבי יהודה הלוי״ [1].
און אַזוי ווייטער.

דאָס איבערטראָגן די „התקופה״ פון מאָסקווע קיין וואַרשע האָט געשאַפן פאַר שמחונין אַ ברייט פעלד פאַר וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, באַזונדערס פאַר קריטיק פון די נייע ספרים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין יענער צייט. ער רעצענזירט אַלעס, אומעטום פילט ער זיך אינ-דערהיים. אַזוי רעצענזירט ער מיין בוך איבער לובלין, מייזעלס אַרבעט איבער דער תקופה פון דער השכלה, מאַהלערס האַנטבוך פאַר דער יידישער כראָנאָלאָגיע, וואַלטס שטודיום צום טעקסט פון ירמיהו הנביא, טאָרטשינערס ספר איוב, שטראַקס מבוא התלמוד, קלויזנערס תולדות הספרות החדשה, קלאַצקינס הערמאַן כהן, דאָס באַרימטע ווערק איבער די ווינער מצבות פון בערנאַרד וואַכשטיין, אַ לאַנגע ריי פון ספרים: האַראָדעצקיס, בובערס, מילערס און אַנדערע. אין זיינע קריטיקן איז ער שאַרף, אָבער גערעכט, ער האָט נישט קיין רחמנות אויף עם-הארצות און באַהאַנדלט מיט אַ גיפטיקער איראָניע די יעניקע שרייבער, וואָס נעמען זיך אונטער פאַרשידענע זאַכן און קענען זיי נישט אויספירן. אָפט באַדויערט ער די ירידה פון דעם העברעישן סטיל (התנונות, התקופה 6), אָדער דאָס צו שטאַרקע הערשן פון ראַציאָנאַליזם אין אונזער לעבן און ליטעראַטור (שלטון ה„שכל״, התקופה 11). אויסגעצייכנט איז זיין באַריכט איבער דעם ווערק פון שפּענגלער: „דער אונטערגאַנג דעס אַבענד-לאַנדעס״, און קרעפטיק איז ער זיך מתוכּח מיט דעליטשן פאַר זיין אַרבעט: „דער גרויסער טעות״.

אַלס געלערנטער באַטייליקט זיך שמחוני אין די שמחות פון דער יידישער וויסנשאַפטלעכער וועלט און שרייבט אַרטיקלען צום 60-יעריקן יובילעום פון דובנאָוו, צום 70-יעריקן געבורטס-טאָג פון גאָלדציהער, צום 50-יעריקן יובילעום פון האַראָדעצקין, אָבער גלייכצייטיק איז ער מספיד די שעפער פון אונזער וויסנשאַפט, ווען זיי גייען אַוועק פון דער וועלט: פאָזנאַנסקי, ש״י איש הורוויץ, נתן-נטע סמואלי, בן-ציון האַלפּער און אַזוי ווייטער. פון זיינע זעלבשטענדיקע אַרבעטן וויל

1) שלשה פיוטים מר׳ יהודה הלוי. דביר א, ע׳ 223.

איך דאָ באַמערקן די איינלייטונג צום עפּאָס „גלגמש”, זיינע אַרטיקלען אין „רשומות” ב׳, אָבער אַן אייביקן אָנדענקען האָט ער זיך געשטעלט דורך זיין וווּנדערבאַרע איבערזעצונג פון יאָסעפוס פלאַוויוס „מלחמת היהודים”. נאָר דער, וואָס קאָן די אַלטע שולמאַנישע איבערזעצונג און קאָן דעם גריכישן אָריגינאַל, – דער איז אַ מבין אויף דער פיינקייט פון שמחונים אַרבעט און אויף דער שפּראַך, וואָס לעזט זיך ווי דער שענסטער ראָמאַן, אָדער ווי אַ לייכטער פעליעטאָן, און איז דאָך וועטלעך און גענוי לויט דעם אָריגינאַל.

אין דער איינלייטונג צו דער איבערזעצונג האָט שמחוני אַנאַליזירט דאָס לעבן און שאַפן פון פלאַוויוס, און איז געקומען צום אויספיר, אַז יוסף בן מתתיהו איז נישט געווען קיין פאַררעטער פון זיין פאָלק. איך בין מיט אים נישט מסכים אין דעם ענין. אָבער די פיינקייט פון זיינע אויספירונגען, דאָס לאָגישע פון זיינע באַהויפּטונגען האָבן מיר באמת אימפּאָנירט.

אין יאָר 1924 איז שמחוני באַרופן געוואָרן קיין בערלין, ווו ער האָט איבערגענומען דאָס וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַריאַט פון דער העברעישער און דייטשער ענציקלאָפּעדיע, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג „אשכול”. דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דעם פּרובע-העפט אַ גרויסן אַרטיקל איבער „אלכסנדריה של מצרים”, וואָס איבערשטייגט גאָר שטאַרק אַן ענציקלאָפּעדישן מאמר און בילדעט פאַר זיך אַ ריין וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג. אין בערלין האָט שמחוני געפונען אַ נייע געביט פאַר זיין אַרבעט, אָבער דאָ אין פוילן האָט ער אונדז געפעלט, און מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אים צו פאַרהאַנדלען, כּדי אים צוריק צו באַקומען פאַר דעם נייעם אינסטיטוט פאַר חכמת ישראל, וואָס האָט געזאָלט געגרינדעט ווערן אין וואַרשע [1]. ליידער איז אין מיטן פון די פאַרהאַנדלונגען, ווי אַ בליץ אויף אַ קלאָרן הימל, געקומען די טעלעגראַפישע ידיעה, אַז שמחוני איז ביי אַן אָפּעראַציע אין אַ בערלינער שפּיטאָל געשטאָרבן. דאָס אומגליק האָט פּאַסירט דעם 21טן מאַי 1926 (אסרו-חג שבועות תרפ״ו) און צוויי טעג שפּעטער האָט מען אים געבראַכט צו קבר ישראל.

---

1) דער „מכון” איז געעפנט געוואָרן אין חודש פעברואַר 1928.

מיר זענען דאַמאָלס געבליבן צעמישט פון דער נאַכריכט, און נאָך היינט, אַ גאַנץ יאָר, קאָנען מיר זיך נישט באַרויקן. אין דעם פאַרשטאָרבענעם האָבן מיר נאָענטע פאַרלוירן אַ האַרציקן חבר. זיין אַלטע מוטער און אַ יונגע שוועסטער – דעם שטאָלץ פון זייער לעבן. אָבער דעם גרעסטן פאַרלוסט האָט געליטן די יידישע וויסנשאַפט, ווייל שמחוני איז געווען איר פאָן און איר האָפענונג.

לעבן די זיילן פון חכמת ישראל, לעבן צונץ, גרעץ, האַרקאַווי, פאָזנאַנסקי, גאָלדציהער און אַנדערע וועט דער נאָמען שמחוני תּמיד לייכטן.

# 6. אויפֿן קבר פֿון פּראָפֿעסאָר צבי פּרץ חיות ז״ל

1927—1876

„איך געהער צו אַ משפּחה וואָס לעבט נישט לאַנג, מיין זיידע ר׳ צבי חיות, דער זשולקעווער רבֿ, מיין טאַטע ר׳ שלמה חיות און מיין פֿעטער, דער בראָדער רבֿ ר׳ יצחק חיות האָבן קוים דערלעבט דאָס פֿופֿציקסטע יאָר. דערפֿאַר מוז איך מיך צואיילן, כּדי אויסצופֿירן דאָס, וואָס איך האָב מיר פֿאָרגענומען פֿאַר מיין לעבן״.

דאָס זענען געווען די ווערטער, וואָס פּראָפֿ. חיות האָט אַרויסגערוקט אין אַ פּריינטשאַפֿטלעכן געשפּרעך, מיט אַן ערך צוואָנציק יאָר צוריק. און באמת, ער האָט זיך זייער געמוזט איילן, כּדי אין דעם קורצן לעבן פֿון איינאונפֿופֿציק יאָר צו פֿאַרענדיקן אַזוי פֿיל אויפֿגאַבן. פּראָפֿ. חיות איז געווען אַן עניו, ווער ס׳האָט אים געקאָנט, האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דער עניוותדיקער מענטש איז פֿון דער היים אַזאַ מיוחס, באַזיצט אַזאַ געוואַלטיקן וויסן און אַזעלכע גרויסע פֿעיקייטן, און דערביי אַזאַ שטאַרקן ווילן און אַזאַ גרויסן נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

אין דער היינטיקער דעמאָקראַטישער וועלט, נאָך דער גרויסער מלחמה, האָט יחוס נישט קיין גרויסן ווערט, אָבער דאָך, ווען מען זוכט די קוואַלן פֿון די פֿעיקייטן ביי אַ גרויסן מענטש, שטעלט מען די פֿראַגע, ווער איז ער און פֿון וואַנען ער וואַקסט. ווען מיר זאָלן די דאָזיקע פֿראַגע שטעלן דאָ ביי דעם פֿרישן קבר, וועלן מיר האָבן אַ גרייטע תּשובֿה: ווער פֿון אונז ווייסט נישט פֿון דעם אַלטן זשולקעווער און קאַלישער רבֿ ר׳ צבי הירש חיות, דעם געוואַלטיקן למדן, בקי בכל חדרי ש״ס ופּוסקים, דעם מחבר פֿון אַסך למדישע ספֿרים, פֿון דעם מאַן, וואָס האָט ביי צווייאונצוואָנציק יאָר באַקומען דאָס

זשולקעווער רבנות, און שטילערהייט געמאַכט זיינע פילאָזאָפישע פרי-
ווונגען אין דער לעמבערגער אוניווערזיטעט, כדי צו ווערן קרייז-ראַבינער
אין זיין שטאָט. אָנקוקנדיק דאָס בילד פון צבי הירש חיות מיט באָרד
און פאות, אין אַ גרויסן קאָלפּאַק אויפן קאָפּ, וועט קיין מענטש נישט
וועלן גלויבן, אַז אָט דער ייד האָט באַהערשט פינף פרעמדע שפּראַכן
און איז געוועזן איינער פון די מיסדים פון דער יידישער וויסנשאַפט.

ר׳ צבי הירש חיות האָט געהאַט עטלעכע זין: איינער איז געוועזן
ר׳ יצחק חיות, דער בראָדער רב, דער צווייטער ר׳ חיים חיות, און
דער דריטער ר׳ שלמה חיות, דער פאָטער פון אונזער גרויסן נפטר. אין
אַזאַ סביבה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1876 אין בראָדי צבי פרץ
חיות אַלס דער ייִנגסטער זון פון ר׳ שלמה חיות. שוין אין דער יוגנט
האָט ער געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ, אַ זעלטענעם זכרון און איז געוואָקסן
אַ למדן מופלג ווי זעלטן איינער. דאָס הויז איז געווען אָרטאָדאָקסיש,
אָבער שטאַרק משכיליש. אויסער ש״ס ופוסקים האָט דאָס ייִנגל געלערנט
דייטש און פראַנצויזיש, און אויסערן בית-המדרש האָט ער פאַרקערט אין
די שענסטע הייזער פון זיינע קרובים, ביי נתן ביטער פאָן קאַליר,
ביי ר׳ שמעלקע האָראָוויץ אין לעמבערג און אַנדערע.

נאָך דער מאַטורע איז ער געגאַנגען קיין ווין, ווו ער איז גע-
וועזן אין דעם דאָרטיקן ראַבינער-סעמינאַר און אויף דער דאָרטיקער
אוניווערזיטעט איינער פון די בעסטע תּלמידים. נאָכן ענדיקן דעם
סעמינאַר האָט ער באַקומען זיין ראַבינער-צייגניש און זיין דאָקטוירים-
דיפּלאָם, און האָט זיך געווידמעט דער ריינער וויסנשאַפט, געוואָרן
סעקרעטאַר פון דעם אָריענטאַלישן אינסטיטוט ביי דער ווינער אוני-
ווערזיטעט (1901). און געדריקט אין די שריפטן פון דער ווינער אַקאַדעמיע
זיינע „ביטרעגע צור נאָרד-סעמיטישען אָנאָמאַטאָלאָגיע״, „יודישע און
יודיש-אינדישע אינשריפטן אויס אַדן״, „מאַרקוס-שטודיען״, אַ פירוש צו
תּהלים אין צוויי כרכים, און אַ פירוש צו עמוס — ביידע אין אברהם
כהנאס אויסגאַבן פון תּנ״ך מיט אַ פירוש מדעי.

פון ווען איז חיות אַראָפּגעפאָרן קיין לעמבערג, ווו ער איז אַ יאָר
געוועזן רעליגיאָנס-לערער אינם דייטשן גימנאַזיום. דער גרויסער געלערנ-
טער האָט זי אָבער נישט געקאָנט פאַרשאַפן קיין דיסציפּלין אין דער
שולע. באַלד האָט ער פאַרלאָזט לעמבערג און האָט זיך אַריבערגע-

טראָגן קיין פלאָרענץ אין איטאַליען, ווו ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר אויף דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט און צוגלייך דאָצענט אין דעם דאָרטיקן ראַבינער-סעמינאַר. עטלעכע יאָר איז געזעסן חיות על התורה ועל העבודה און אין דער צייט האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע וויכטיקסטע ווערק און געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר דער ווייטערער אַרבעט. ס׳האָט אים אָבער געפעלט אין פלאָרענץ אַ יידישע סביבה. אין דער שיינער שטאָט פון די מעדיצעיער האָט חיות אַרום זיך געהאַט אַלצדינג, נאָר אַחוץ דעם רעקטאָר פונם סעמינאַר דאָקטאָר מרגליות, דעם פּראָפעסאָר קאַסוטאָ און זעקס תלמידים האָט ער קיין ייד אָרום זיך נישט געזען. דאָס מאַכט אונז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט אין יאָר 1912 איבערגעלאָזט די שיינע וויסנשאַפטלעכע שטעלע אין פלאָרענץ און אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אַ ראַבינער אין טריעסט.

דאָ האָט זיך אין חיותן ערשט אַנטפלעקט דער גרויסער טאַלאַנט פון אַ רעדנער און פון אַ סאָציאַלן אַרבעטער. דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין טריעסט האָט געקריגן מיט חיותס אָנקומען אַ נייעם גלאַנץ, די סינאַגאָגע, וואָס איז ביז דאַן געשטאַנען ליידיק, איז געוואָרן אַ פאַרזאַמלונגס-אָרט פאַר היימישע פון פרעמדע יידן. אַלע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, ווי שפּיטעלער, בתי-יתומים, בתי-זקנים, האָבן אויפגעבליט אונטער זיין האַנט. באַלד איז געקומען די מלחמה מיט אירע גזרות און אַרויפגעלייגט אויף דעם ראַבינער נייע שווערע פליכטן. טריעסט איז געלעגן נאָענט צו דער איטאַליענישער גרעניץ, עסטרייך האָט אַוועקגעשטעלט אין דער שטאָט אַ געוואַלטיקן גאַרניזאָן און טויזנטער קראַנקע יידן און נישט-יידן זענען געלעגן אין די דאָרטיקע שפּיטעלער. חיות איז אומעטום. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אויף די פיס, יידישע זעלנער, געזונטע און קראַנקע, פאַרזאָרגט ער מיט כשר עסן און מיט אַ גוט וואָרט. טויטע ברענגט ער צו קבר-ישראל און טויזנטער יידישע היימלאָזע באַזאָרגט ער מיט אַ דירה און מיט געלט.

און בשעת מלחמה האָט זיך צו אים געווענדט די ווינער יידישע קהילה און אים פאָרגעשלאָגן די שטעלע פון דעם איבער-ראַבינער אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך. נאָך האָט געלעבט דער אַלטער איבער-ראַבינער ד״ר גידעמאַן, אַ גרויסער געלערנטער און דער מחבר פון דעם באַוווסטן ווערק „התורה והחיים״, אָבער אַ גרויסער שונא פון

פוילישע יידן. אויך דער ווינער ראש־הקהל ד״ר שטערן, אַ זקן פון 86 יאָר, האָט זיך נישט בעסער באַצויגן צום פוילישן יידנטום. גידעמאַן, שטערן און זיינע חברים זענען געווען אויך גאָר שטאַרקע שונאי־ציון, וואָס הערצל האָט זיך נישט איינמאָל אָנגעשטויסן אין זייער קעגנערשאַפט. חיות האָט זיך נישט געביטן, ער איז פון זיין ציוניזם און נאַציאָנאַלן שטאָלץ נישט אָפּגעטרעטן אַפילו אויף איין שריט. שטאָלץ האָט ער געזאָגט די ווינער יידן כהאי לישנא: „אַזוי בין איך, און ווער ס׳שטעלט זיך פאָר, אַז ער וועט ביי מיר אָפּדינגען עפּעס פון מיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ, דער בייסט מיט זיינע ציין אַריין אין אַ גראַניט־שטיין״. שטערן און גידעמאַן האָבן באַקומען דרך־ארץ פאַר דעם מענטש און זיינע ווערטער, און צו דער גרויסער פאַרוווּנדערונג פון דעם ווינער יידישן ציבור איז חיות נאָך ביים לעבן פוי ד״ר גידעמאַן געוואָרן אויבער־ראַבינער פון ווין.

דאָ הויבט זיך אָן אַ נייער פּרק אין דעם לעבן פון ד״ר חיות. ביז דאַן איז געווען אין דער קהילה דער ראש־הקהל אַלץ־מיטאַנאַנד, און וועגן דעם אויבערראַבינער האָט זיך גאָר ווייניק עמעץ געקומערט. חיות האָט געענדערט דעם אַלטן מנהג און ער איז געוואָרן די ערשטע פּערזאָן אין דער געמיינדע און אין דעם גאַנצן ווינער יידנטום. נישט קיין חתונות און נישט קיין לוויות האָט באַזאָרגט דער אויבער־ראַבינער, שוין אין די באַדינגונגען פון זיין אַנגאַזשעמענט האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די דאָזיקע אַרבעטן, איבערלאָזנדיק זיי פאַר אַנדערע רבנים. אַליין האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דעם שול־וועזן. אין דער ערגסטער צייט נאָך דער גרויסער מלחמה, ווען אין ווין האָט געהערשט אַ הונגער און אַ פאַרצווייפלונג, האָט חיות אָרגאַניזירט העברעישע שולן, אַ פּעדאַגאָגישע אַנשטאַלט פאַר לערער, און באַזאָרגט געלט פאַרן ווינער ראַבינאַר־סעמינאַר און אַפילו פאַר די באַאַמטע און לערער פון דער ווינער געמיינדע. ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע און פון דאָרט געבראַכט צענטליקער טויזנטער דאָלאַר אויף אויסצוהאַלטן די קולטורעלע אינסטיטוציעס פון דער געפאַלענער עסטרייכישער הויפּטשטאָט. פאַר זיך האָט ער גאָרנישט געדאַרפט און גאָרנישט גענומען. אַלס אומפאַרהייראַטעטער האָט ער געלעבט אין עניות און ענגשאַפט, און געוואַלטיקע סומען געגעבן פאַר וווילטעטיקע צוועקן און סאָציאַלער הילף. ווי אַזוי

חיות האָט אויפגעפּאַסט זיין שטעלע און זיין כּבוד, זאָל דינען דער איינציקער ביישפּיל: איינמאָל האָט חיות געהאַלטן צו הזכּרת-נשמות אַ פייערדיקע דרשה און אויפגעפאָדערט דעם עולם צו שטיצן זייערע ברידער. אסרו-חג איז צו אים געקומען דער סעקרעטאַר פון דעם ווינער ראָטשילד און אים ערקלערט, אַז דער באַראָן לאַדעט אים איין צו זיך, ווייל ער האָט בדעה צו געבן אַ גרעסערע נדבה. חיות האָט געענטפערט בזה הלשון: „איך בין אַ קליינער מענטש, אָבער בשעת איך שטיי אויף דער בימה בין איך גאָטס שליח, איך בין מער ווי דער ווינער קאַרדינאַל דאָקטאָר פיפל, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז אַ קריסט, וואָס וויל געבן אַ נדבה, זאָל דעם קאַרדינאַל צו זיך איינלאַדן. גיי זאָג דאָס דיין פריץ״. אויפן צווייטן טאָג האָט באַראָן ראָטשילד איבערגעגעבן אין דער קאַנצעלאַריע פונם אויבער-ראַבינער אַ גרויסע סומע פאַר ווילטעטיקע צוועקן.

די גרויסע אַרבעט אין דער געמיינדע און פאַר דער געמיינדע האָט נישט ערשעפּט דעם כּוח פון פראָפ׳ חיות. שטייענדיק תמיד אויף דעם ברייטן נאַציאָנאַלן יסוד, האָט ער געפונען צייט פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַדאַנק זיין טאַקט און זיין פּאָליטישן חוש, איז ער געווען אין די יאָרן 1921—1925 דער פּרעזידענט פונם ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט. וויפל אַרבעט דאָס האָט פאַרשלונגען, וויפל כּוחות צעריבן — דאָס פאַרשטייט נאָר דער יעניקער, וואָס האָט אָנטייל-גענומען אין די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אָבער חיות האָט זיינע כּוחות נישט געשוינט, און אַממיינסטן כּוח האָט ער געווידמעט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער העברעישער אוניווערזיטעט אין ירושלים. און דער אידעאַל פון זיין לעבן איז געווען צו ווערן פּראָפעסאָר אין דער דאָזיקער אוניווערזיטעט.

חיות האָט נישט געזוכט קיין כּבוד, הגם כּבוד האָט ער געהאַט גענוג, ער האָט נישט געזוכט קיין טיטלען, ווייל אויך טיטלען האָבן אים נישט געפעלט — ער האָט געוואָלט דעם אָפּשלוס פון זיין לעבן ווידמען דער ריינער וויסנשאַפט — נישט צווישן פרעמדע און נישט פאַר פרעמדע, נאָר אין יידישן לאַנד — אין ארץ-ישראל. און דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אַ קעגנערשאַפט נישט ביי פרעמדע, נאָר ביי אייגענע! די אָרטאָדאָקסיע האָט נישט געוואָלט צולאָזן אַז חיות, דער געוואַלטיקער למדן, חיות דער

בקי בכל חדרי-התורה אָבער אויך חיות דער מחבר פונם פירוש מדעי צו תהילים זאָל ווערן פראָפעסאָר אין דער יידישער אוניווערזיטעט. און דאָס איז געווען דער שמערץ, וואָס חיות האָט געדאַרפט אַריבערטראָגן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. דאָס איז געווען די גרויסע גייסטיקע טראַגעדיע, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרץ. אין אַ צוויי וואָכן אַרום, דעם 28טן דעצעמבער, האָט געזאָלט פאָרקומען אין מאַינץ אַ זיצונג פון דעם קוראַטאָריום פון דעם מכון לחכמת-ישראל פון דער ירושלימער אוניוורזיטעט; חיות איז געווען דער פאָרזיצער פונם קוראַטאָריום און אין מאַינץ האָט מען געזאָלט אָננעמען באַשלוסן, וואָס האָבן אויך געקאָנט האָבן אַן אַנטשיידנדן איינפלוס אויף חיותס צוקונפטיקן לעבן!..

און אינמיטן פון די פאָרברייטונגען צו דער אסיפה אין מאַינץ איז געקומען די שרעקלעכע ידיעה, אַז חיות, אונזער חיות, דער גאָלדענער מענטש און דער גרויסער קאָפּ, איז פלוצלינג געשטאָרבן. „ער האָט געהערט צו דער דאָזיקער משפחה, וואָס קאָן קוים איבערלעבן 50 יאָר", און ער האָט זיי קוים איבערגעלעבט. געפאַלן איז אַ גדול בישראל, געפאַלן בחצי-ימיו, און מיר אַלע באַוויינען אים מיט ביטערע טרערן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!..

---